שלמה גילבערט

1885 בײַ וואַרשע — אין טרעבלינקע 1942

שטילמאַן

אַ שלאַנקער יונגער־מאַן, אַ גלאַט־ראַזירט פּנים מיט אַ געל־לויכטנדיקער הויט און גרויסע, שוואַרצע אויגן, מיט אַ שטילן בלאַנק.

שטילמאַן האַלט זיך פֿאַר אַ פֿרײַען מענטש, וואָס וויל נישט זײַן געבונדן מיט זאַבאָבאָנעס [1] און פֿאַרזשאַווערטע קייטן, נאָר ער האָט מורא פֿאַר מענטשן פֿאַנאַטיקערס, מאַכט ער עס שטיל און באַרעכנט.

שטילמאַן וווינט אין אַ צימערל בײַ יענעם, אויף אַלעם גרייטן. האָט שוין אַפֿילו אַ ווײַב, נאָר זיי וווינען נישט צוזאַמען, נישט ווײַל זיי זײַנען צעקריגט, נאָר ווײַל אויף אַזאַ תּנאָי האָט ער חתונה געהאַט, און דאָס איז אויך פֿאַרשריבן אין קאָנטראַקט — זיי דאַרפֿן נישט וווינען אין איין דירה, נאָר איינער האָט דאָס רעכט אַרויסצו־פֿאָדערן דעם צווייטן, ווען ער וויל.

זײַן ווײַבל, אַ שוואַרץ־באַחנט ליטוואַטשקעלע, מיט אַ שמייכעלע, וואָס זאָגט: איך פֿרעס און נאַש, איך בין מיר אַ גלאַטיק מענטשעלע. זי איז אַ דענטיסטקע, באַזיצט אַ גוטן דענטיסטישן קאַבינעט און האַלט צו זיך אַ געהילף, אַ געטאָקטן יונג מיט פּלייצעס

---

[1] אייבער־גלייבנס, אַלפרענקישע אײַנריידענישן.

און מיט אַ שײנעם קאָפּ גלײַך־געקעמטע שוואַרץ־בלאַנקענדיקע האָר.

שטילמאַן וווינט שוין לאַנג אין דעם קאַוואַלירסקן צימערל. דער באַלעבאָס פֿון דער דירה איז אַ בלוטקרעפּטיק ייִדל מיט אַ ברייט־צעקאַמטער באָרד. אין זײַן פֿאַמיליע איז ער אײן מאַנספּאַר־שוין צווישן נקבֿות. ער טראָגט לענגלעך־שוואַרצע מלבושים מיט אַ האַרטן קאַפּעליוש און געפּוצטע קאַמאַשן — אַ מעקלער צווישן סוחרים אין גאַס. די באַלעבאָסטע, אַן עלטערע פּרוי, מיט נאָך אַ געשמאַקער קײַלעכדיקייט. אַ לענגלעך־ברוין פּנים מיט גרויס־גלאַנציקע אויגן. זי גייט ציכטיק אָנגעטאָן און אין די שטובן בלאַנקט פֿון ריינקייט.

די עלטסטע פֿרײַלין איז אַ הויכע, אַ פֿולע, מיט גלעזער־אויגן. די מיטלסטע — אַ ווייך פֿרויען־קערפּערל מיט אַ רונד־ווײַס פּנימל און אויגן איבערגעגאָסן מיט אַ פֿאַרחלומטן גלאַנץ. די ייִנגסטע איז אַ הויך מיידעלע מיט אַ בלאָנד־געקרײַזלטן קאָפּ האָר און גרויסע הימל־בלויע אויגן. פֿון דעם קינד רײַסט זיך שוין אַרויס די פֿרוי.

מיט יאָרן צוריק, ווען שטילמאַן האָט גדונגען די וווינונג, האָט ער דערזען, ווי עס שפּראָצט און עס וואַקסט דאָ מיט שפֿע דער ווײַבערישער מין. די עלטסטע פֿרײַלין פֿלעגט צו אים אַרײַנגיין און פֿאַרפֿאַלן ווערן אויף גאַנצע שעהן, נאָר זינט ער האָט חתונה געהאַט איז זי געוואָרן ברוגז. ער קוקט צו איר זײַט מיט אַ שטיל־ערנסטן בליק און אין זיך לאַכט ער פֿון איר מיידלשער נאַיִווקייט. דערפֿאַר קומט צו אים אַרײַן די ייִנגערע. שטילמאַן ווייסט די לאַגע אין שטוב, אַז עס איז ענג מיט פּרנסה און ער פֿילט זיך דאָ גוט און זיכער.

די עלטסטע ברענט מיט כּעס. די מוטער שמייכלט — צוליב נאַרישקייטן וועט זי נישט אָפּזאָגן אַ גוטן לאָקאַטאָר, און די ייִנגערע שוועסטער הערט זי נישט. זי וועט עס נישט איבערהאַלטן! זי וועט אַליין אַרײַנגיין און אים זאָגן, און אים וואָרענען.

זי קלאַפּט־אָן.

— ביטע!

ער איז געזעסן בײַ זײַן טישל און געקוקט אויף איר מיט גרויס־געעפֿנטע אויגן. זי איז געשטאַנען בײַ דער טיר, געציטערט און געווען גרייט אַליין אַרײַנגיין און אים זאָגן, און אים וואָרענען:

— הער שטילמאַן, איך בעט אײַך, איר זאָלט נישט אַרײַננעמען מײַן שוועסטערל!

ער האָט געשוויגן. זי איז געוואָרן דרייסטער און אויסגעשריגן:

— ווי קאָנט איר אַזעלכעס? זי איז נאָך אַ קינד!

ער האָט זיך געגעבן אַ שטעל־אויף, גרייט זי אַרויסצוואַרפֿן, נאָר זײַן בליק האָט אָפּגעמאָסטן איר שלאַנקע פֿיגור. זײַן פּנים האָט אויפֿגעלויכטן מיט אַ כיטרען שמייכעלע, און די גרויסע, שוואַרצע אויגן האָבן ווייך־קאָטעריש געבלאַנקט — צו וואָס זאָל ער מאַכן אַ גערודער און היזק האָבן? אַז ער קען עס מאַכן שטיל, וועט ער נאָך פֿאַרדינען!

ער איז צוגעגאַנגען.

— פֿאַר וואָס זײַט איר אויף מיר בייז?

— איר זאָלט נישט טשעפּען מיט מײַן שוועסטערל!

— איר זײַט אויף מיר בייז און איך האָב אײַך ליב.

— איר האָט דאָך אַ ווײַב!

— פֿון אַ ווײַב צו אַ שיין מיידל איז זייער ווײַט, ווי פֿון דער ערד צום הימל!

זי האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן און איר כּעס איז צערונען.

*

שטילמאַנס ווײַבל האָט זיך אויך גוט אײַנגעאָרדנט. איר שלאָפֿצימער האָט געהאַט צוויי אײַנגענג. איין טיר איז אַרויסגעגאַנגען אין הויז אַרײַן. די צווייטע קעגנאיבערדיקע טיר האָט אַרײַנגעפֿירט אין קאַבינעט. פֿון קאַבינעט, דורך דעם פֿאַראַדנעם אַרײַנגאַנג, אַראָפּ אין טויער. דער מאַן האָט געהאַט איין שליסל, דער געהילף - דעם צווייטן.

שטילמאַן האָט עס פֿאַרשטאַנען, נאָר ער האָט זיך געשטאַרקט אָפּצוּוואַרפֿן די אַלע קלײנלעכע געדאַנקען. ער וועט דאָך נישט זײַן קיין ווילדער דעספּאָט —אויב ער וויל אַלײן זײַן פֿרײַ, נישט געבונדן פֿון קײנעם, וועט ער אויך נישט בינדן אַ צווייטן מענטש! און כּדי צו ווײַזן, אַז ער שטייט טאַקע אויף דער הייך פֿון ערלעכקייט און אינטעליגענץ, פֿלעגט ער בײַם געהילף נעמען אַ פּאַפּיראָס און העפֿלעך מיט אים שמועסן.

איין מאָל אין אַן אָוונט איז דער געהילף געגאַנגען הין־און־צוריק, און געגלאַנצט מיטן שיינעם שוואַרצן קאָפּ גלײַך־געקעמטע האָר. ער האָט איצט נישט געטראָגן די מאַרינאַרקע, נאָר בלויז דאָס דורכזיכטיק־געשטריקטע קאָשולקעלע[2] אויפֿן לײַב, מיטן ברייט־לעדערנעם פּאַסיק אויף די הויזן, און גערויכערט אַ פּאַפּיראָס.

פֿרוי שטילמאַן איז געזעסן בײַם טיש, אַרײַנגעקוקט אין אַ בוך, געמאַכט זיך לייענען און זײַטיק צו אים געקוקט. זי האָט זיך נאָך אַלץ נישט אָנגעזעטיקט מיט זײַן געזונטער מענערישקייט, מיט זײַן וואַלדהאָריק האַרץ.

דער טעלעפֿאָן האָט גענומען קלינגען. ער איז אַרײַנגעגאַנגען אין קאַבינעט און איז באַלד צוריקגעקומען.

— דײַן מאַן רופֿט דיך צום טעלעפֿאָן.

— קום!

— וואָס ווילסטו פֿון מיר? ס׳איז דאָך דײַן מאַן. גיי, רייד מיט אים! — האָט ער איר אָפּגעענטפֿערט מיט אַ געזעטיקטן שמייכעלע.

— קום, וועט מען אַ ביסל לאַכן! — האָט זי אים געשלעפּט בײַ דער האַנט.

זי האָט געהאַלטן דעם אַפּאַראַט און גערעדט:

— גוטנ׳אָוונט, מײַן מאַן! איך הער. דו האָסט הײַנט נישט געטראָפֿן. איך פֿיל זיך נישט גוט. דער קאָפּ טוט מיר ווי. דו דערמאָנסט מיך אין מײַנע פֿליכטן? דו האָסט פֿולע רעכט דערויף.

---

[2] אונטער־העמדל.

דו האָסט עס אָנגעשריבן, שוואַרץ אויף ווײַס, און די קאָנסט צו מיר קומען מיט אַ זשאַנדאַרם אויך, נאָר דו ביסט דאָך נישט קיין אַזיאַט! וואָס מיר איז? כ׳ווייס אַליין נישט. כ׳האָב שטאַרק גע־בראָכן. האַלאָ! האַלאָ!

מ׳ענטפֿערט נישט. ער האָט אַוועקגעלייגט דאָס טרײַבל.

— ער קומט געוויס אַרויף. וויל ווײַזן, אַז ער האָט מיך ליב, כאָטש עס הייבט זיך נישט אָן.

—נו, אויב אַזוי, גיי איך.

— כ׳וויל נישט! — האָט זי אַרויסגעזאָגט אין אַ ברוגז־פּיעשטשענדיקן טאָן — הער, איך וועל מיר אַרומבינדן דעם קאָפּ און מאַכן אַזאַ פֿוילע גרימאַסע, אַז ער וועט באַלד פֿון מיר אַנטלויפֿן. דו וועסט שטיין אין קעגנאיבערדיקן טויער. ער וועט אַוועקגיין, און דו וועסט צוריק אַרויפֿקומען. דו וועסט נישט אַוועקגיין? געדענק, מאַקס, כ׳וועל זײַן מיט דיר ברוגז!

ווען דער מאַן איז אַרײַנגעקומען, איז זי האַלב־געלעגן אויפֿן בעט מיט אַ פֿאַרבונדענעם קאָפּ.

— וואָס איז דיר?! — האָט ער אויסגעגלאָצט אַ פּאָר אויגן און געמאַכט אַ דערשראָקענע מינע.

— כ׳בין נישט געזונט.

— כ׳גיי באַשטעלן אַ דאָקטער!

— מ׳דאַרף נישט.

ער האָט זיך געזעצט נעבן איר אויפֿן בעט.

—איך וועל דאָ מיט דיר נעכטיקן.

זי האָט זיך אויפֿגעזעצט און צוגעטוליעט צו אים:

— דאָס בעסטע וועט זײַן, אַז דו וועסט אַהיימגיין, וועל איך רויִק איבערשלאָפֿן די נאַכט און ס׳וועט מיר בעסער ווערן.

— אָבער, טײַערע, איך וועל דאָך נישט זײַן רויִק! — האָט ער האַרציק־פֿאַלש אויסגעשריגן.

זי האָט אָנגעבויגן די באַק:

— מאַנעלע, גיב אַ קוש און גיי אַהיים! מאָרגן וועסטו האָבן אַ פּריש, געזונט ווײַבעלע.

דער מאַן איז אַרויסגעגאַנגען און דער געהילף איז אַרײַנגעקומען. זיי האָבן פֿאַרלאָשן דאָס ליכט.

אין קאַבינעט האָט געקלונגען דער טעלעפֿאָן.

— דאָס קלינגט ער! — האָט זי געזאָגט און איז אַרויסגעגאַנגען.

זי איז געשטאַנען אין בלויזן העמד און גערעדט:

— כ׳בין שוין באַלד אײַנגעשלאָפֿן, האָסטו מיך איבערגעוועקט. גוט־גוט, מאַנעלע, ס׳וועט מיר שוין בעסער ווערן. שלאָף רויִק און האָב זיסע חלומות!

זי איז גיך אַרײַן צו אים אין בעט און, אַ הייסע, אַ צאַפּלדיקע, האָט זי אין דער פֿינצטער ווילד געלאַכט.